# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה' פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

מכון שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

פרשת **דברים** תשפ״ג ◆ עלון מס': **118**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### דער באהאלטענער גוטס

אין פרק ד' פון חובת הלבבות אין שער הבטחון צעטיילט דער רבי די ענינים פון בטחון אויף זיבן באזונדערע חלקים. דער רבי זאגט אז פינף פון זיי זענען נוגע אויף די וועלט און בלויז צוויי זענען נוגע לעולם הבא, און צווישן זיי איז די אמונה איבער די שכר וואס א איד וועט באקומען פארן טון א מעשה המצוה.

ווען א איד איז מקיים א מצוה זעט ער גארנישט אויסער די מעשה המצוה. ער זעט נישט וואספארא אור די מצוה האט אראפגעברענגט אויף אים און אויף די וועלט, ער זעט נישט די שכר וואס ער גייט זוכה זיין צוליב די עשיית המצוה, עס איז ווי ער האט געטון א מעשה און די מצוה האט זיך געענדיגט, אבער עס איז נישט אמת, די מצוה בלייבט, עס איז משפיע אויף די מענטש און ער מוז גלייבן אז ער וועט ענדע באקומען אויף איר שכר.

איינס פון די דרייצן עיקרים וואס דער רמב״ם שטעלט אוועק פאר א איד איז דער **אני מאמין באמונה שלימה שהבורא יתברך שמו גומל טוב לשומרי מצוותיו,** ווייל דאס איז א חלק פון די אמונה וואס מיר דארפן האבן, מיר דארפן גלייבן אין די שכר וואס הקב״ה געבט פאר יעדע מצוה וואס מען איז מקיים.

די זעלבע זאך טרעפן מיר אויך אין תהלים [ל״א, כ'] **״מה רב טובך אשר צפנת ליראיך״.**

דוד המלך רעדט צו א איד און זאגט אים אז עס איז אוועקגעלייגט פאר דיר גוטס, און נישט אביסל גוטס נאר אסאך גוטס, ער באנוצט זיך מיט די לשון פון 'רב טוב'. אויף א ברייטערע וועג איבער די שכר, ווערט אראפגעברענגט דארטן אויפן ארט אין מדרש פון די נושא פון די שכר. דער מדרש זאגט (תהילים שם): **אָמַר רַבִּי אַבָּא בַּר כַּהֲנָא, אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְיִשְׂרָאֵל, אַתֶּם צוֹפְנִים לִי וַאֲנִי צוֹפֵן לָכֶם, אַתֶּם צוֹפְנִים בְּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וַאֲנִי צוֹפֵן לָכֶם בְּאוֹצָרוֹת מְלֵאִים יוֹתֵר מִכָּל הַטּוֹבוֹת שֶׁבָּעוֹלָם.**

דער באשעפער זאגט פארן כלל ישראל, איר לייגט אוועק פאר מיר און איך לייג אוועק פאר אייך, דער רבוש״ע איז צופן שכר פאר יעדן איד, אין די זייט פון יעדן איד ליגט אוועקגעלייגט שכר, גוטע זאכן, א רב טוב פאר זיינע מעשים.

די מאמרים געבן אסאך חיזוק פאר א איד. מערערע מאל וועט א איד טון א דבר טוב און שפירן ביי זיך אז זיינע מעשים האט נישט קיין ווערד. עס ווערט נישט געשעצט אויף די וועלט, קיין איינער ווייסט דאך נישט פון דעם, און עס ווערט נישט געשעצט לעתיד, אבער דאס איז א גרייז, און אין די פסוקים און אין די מדרשים וואס מיר לערנען דא ווערן די זאכן ארומגערעדט אויף א ברייטע פארנעם.

שטייט א איד ביי זיך אין שטוב און מאכט ערליך א ברכה, די אידישע מאמע סארטירט די שטוב און לויפט מיט די קינדער אין די צופרי שעה'ן אפצוטראגן די קינדער אין חדר באצייטענס, אז די קינדער זאלן קענען גיין אין חדר לערנען תורה, אז איר מאן זאל קענען גיין באצייטנס אין כולל, און זי טראכט צו זיך אז זי איז ווערדלאז, ווער שעצט עס, אבער דער באשעפער איז 'צופן', עס ווערט אוועקגעלייגט.

א איד גייט אריבער א שווערן טאג, ער האט א וועלט פון סיבות צו ווערן אין כעס, די קינדער רעגן אים אויף, די סביבה נודזשעט און ער שווייגט, ער האלט זיך איין.

קיין איינער זעט נישט, קיין איינער ווייסט נישט, אבער השי״ת איז עס צופן, אלעס ווערט אוועקגעלייגט אויבן אין הימל, ווייל ענדע וועט מען זוכה זיין דערצו, מען דארף נאר גלייבן אין איר מיט א שטארקייט, און די אמונה וועט ממשיך זיין די שכר.

זאל הקב״ה אונז געבן די זכיה אז מען זאל באמת זוכה זיין דערצו.

[ארויסגענומען פון שיעור 83 אין שער הבטחון]

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### א לא יוצלח'דיגע מעשה

״איר דערציילט נאר מעשיות וואס ענדיגן זיך גוט, מיט א ישועה וואס א איד האט געהאט, און וואס טוט זיך מיט די מעשיות וואס האבן נישט קיין גוטע ענדע? אמונה איז נישט נאר ווען זאכן ענדיגן זיך גוט״.

אסאך מענטשן האבן שוין גע'טענה'ט די טענה.

פאר די בעלי טענה האבן מיר א גוטע בשורה, אין די נייע חודש'ליכע מאגאזין פון 'השגחה פרטית', וועלכע האט לעצטענס אנגעהויבן צו ערשיינען, האבן מיר געווידמעט אן אפטיילונג אויך פאר די מעשיות וואס האבן נישט א גוטע ענדע, אבער ביז ווען די קומענדיגע מאגאזין וועט ערשיינען, האבן מיר פאר אייך איין פרישע מעשה.

און אט אזוי דערציילט מיר א טייערער איד:

פון הימל האט זיך אזוי געפירט אז איך האב זוכה געווען צו זיין פון די אידן וואס זענען עוסק אין צדקה וחסד. ווען עס רעדט זיך פון די געוועגליכע פעולות האבן מיר שוין אונזערע קביעות'דיגע תורמים, אבער ווען עס קומט אונטער א גרעסערע אונטערנעמונג וואס ציט אריין אין גרעסערע געלטער וועט מען זיך מוזן אונטערגארטלען און ארויסגיין זוכן א נדבן וועלכער זאל זיין גרייט זיך אונטערצונעמען די מצוה.

דער טרעפן א פאטענציאלער נדבן איז נישט א גרינגע זאך. די נדבנים ווארטן דיר נישט אפ ביים טיר. מען דארף וויסן וואו און ווען מען קען זיי טרעפן. אויך ווען מען טרעפט זיי שוין יא דארף עס זיין א שעת הכושר, מען דארף צוטרעפן וואס עס רעדט צו זייער הארץ, עס פאדערט אסאך ענערגיע און מחשבה, ביז ווען שניידט די פרוכט פון אזא הארעוואניע, אבער וואס טוט מען נישט צו העלפן נאך א איד?

אזוי ווי עס איז א זאך וואס קומט אונטער כסדר און עס רויבט צו אסאך שעה'ן און איך דארף דאך עפעס לערנען אויך, האב איך באשטימט אז פינף אזייגער נאכמיטאג וועל איך זיך זעצן לערנען תורה.

אין יענע שעה וועל איך נישט ענטפערן קיין טעלעפאנען, איך וועל נישט מאכן קיין טעלעפאנען, איך וועל זיין פארנומען נאר מיטן לערנען.

איך האב עס ערליך איינגעהאלטן. איך פלעג גיין אין שול און לאזן מיין טעלעפאן אין שטוב, און אויסגענוצט די צייט צו לערנען.

איין טאג, איך גרייט זיך ארויסצוגיין פון שטוב, עס איז פינף צו פינף און מיין טעלעפאן קלינגט. אויפן סקרין שטייט אויפגעשריבן דער נומער פון א גרויסער נדבן וועמען איך לויף שוין נאך עטליכע טעג.

״יעצט האב איך צייט צו רעדן....״, האט דער נדבן געזאגט און געוואלט הערן וואס איך וויל פון אים.

איך האב זיך אנגעהויבן ספק'נען ביי מיר אליין. אזא געלעגנהייט קומט נישט אונטער יעדן טאג, איך לויף אים שוין נאך עטליכע טעג, אבער פון צווייטן זייט אויב איך וועל פירן מיט אים די שמועס וועט זיך עס אריינציען כאטש אויף א האלבע שעה, עס וועט גיין אויפן חשבון פון מיין קביעות.

איך בין נישט בייגעשטאנען די נסיון. איך האב גערעדט מיט יענעם. די שמועס האט זיך פארצויגן גאנץ לאנג אבער עס איז גארנישט ארויסגעקומען פון איר, עס האט זיך געענדיגט מיט עגמת נפש.

אראפלייגנדיג די טעלעפאן בין איך געווען מורא'דיג צובראכן ביי מיר. איך האב געשפירט ווי איך בין אויסגעשפילט פון אלע וועלטן. עס האט מיר זייער ווייגעטון, דא שטיי איך און איך פראביר צו העלפן אידן און עס גייט מיר נישט.

עטליכע טעג האב איך זיך ארומגעדרייט מיט א שלעכטער טעם אין מויל, ביז איין טאג האב איך פארשטאנען וואס דא גייט פאר. דער רבוש״ע רעדט צו מיר, ער האט מיר סיגנאליזירט אז ער שעצט מיין תורה, אז ער האט ליב מיין קביעות און ער וויל נישט אז איך זאל עס מבטל זיין, אזוי ווי דער פסוק זאגט 'כל חפציך לא ישוו בה'.

דער רבוש״ע זאגט מיר - דו האסט זיך איינגערעדט אז דו וועסט פארדינען פון צושטערן דיין קביעות, וויל איך דיר ווייזן אז ניין! דו וועסט נאר דערלייגן פון דעם.

די געפיל האט מיר באנומען, איך האב געשפירט ווי מען האט מיר אינזינען און איך האב זיך געלערנט אז אויך אויב זאכן ענדיגן זיך נישט גוט איז אבער דא א מעסעדזש אין איר.

גוט שבת, **פינחס שפר**

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## א מעשה מיט א לעבעדיגע הינדל

עס דערציילט הרב טובי' פריינד שליט"א:

אין די לעצטערע יארן דערקענט זיך א שטארקער טויש ביים כלל ישראל בנוגע דער לימוד פון דעם הייליגן רמב"ם. די טויש האט זיך אנגעהויבן אדאנק די 'שיננא' ארגינאזאציע וועלכע מוטיגט טויזנטער זיך אנצושליסן אין דער לימוד הרמב"ם.

אין ראם פון די שיננא האט מען אויך אויסגעשטעלט א סדר אין דעם רמב"ם לויט די יאר, אז יעדער איד, וואו ער געפינט זיך נאר, זאל קענען ענדיגן דער הייליגער רמב"ם יאר־יערליך. די מהפיכה גייט שוין אן עטליכע יאר, און איינער פון די אידן וואס האבן זיך אנגעשלאסן אין דער לימוד איז געווען דער חשוב'ער אינגערמאן רבי יוסף גרינבוים ז"ל פון די קדושי מירון וועלכע איז געווען צווישן די אומגעקומענע דער פארלאפענער ל"ג בעומר תשפ"א.

א באזונדערע ערנסטקייט און א ליבשאפט האט דער טעגליכער סדר הרמב"ם געהאט ביי ר' יוסף. טאג־טעגליך האט ער עס געלערנט מיטן פולסטן ברען ווען ער פאסט אויף נישט צו אויסצולאזן די לימוד, אפילו איין טאג.

עס איז געווען אין דעם טאג כ"ז אלול תש"פ, ווען ר' יוסף האט איבערגעלאזט א מודעה אויפן השגחה פרטית האטליניע און מיטגעטיילט די טויזנטער צוהערער מיט א שיינע מעשה וואס האט פאסירט ביי אים אליין.

ומעשה שהיה אז יענעם טאג, לערנענדיג זיין טעגליכע שיעור אין רמב"ם איז ער אנגעקומען צו לערנען די הלכות פון ברכות השחר, און זיך באגעגענט מיט די מחלוקת הפוסקים בנוגע די ברכות השחר.

ביי אונז איז איינגעפירט אז מיר מאכן אלע ברכות השחר אין שול. מען הייבט אן ביי די ערשטע ברכה און מען גייט ווייטער ביז צו די לעצטע ברכה, אבער עס איז דא פוסקים וואס זענען בדיעה אז מען דארף מאכן יעדע ברכה, ווען עס ווערט נוגע, ווי למשל ווען מען א קרייענדיגע הינדל מאכט מען די ברכה פון הנותן לשכוי בינה, ווען מען טוט זיך אן די שיך מאכט מען שעשה לי כל צרכי און אזוי ווייטער.

"איך האב געטראכט צו מיר", דערציילט ר' יוסף אויפן ליניע. "אז אפילו איך זאל זיך וועלן פירן לויטן רמב"ם וועל איך נישט קענען. איך וואוין היינט אין די שטאט חיפה. עס איז א באוואוינטע שטאט, עס דרייען זיך נישט קיין הינדלעך אויף די גאסן, עס איז אן אוממעגליכע זאך".

איך האב געענדיגט מיין טעגליכער לימוד, איך

## עֱנו בתודה

עס דערציילט א איד פון אמעריקע: ווען עס איז אנגעקומען די יארן ווען איך האב געדארפט חתונה מאכן מיינע קינדער איז עס מיר געגאנגען זייער שווער מיט שידוכים. איך האב געהאט צוויי זין אין שידוכים, אבער איך האב געטאפט מיט זיי א וואנט, עס איז זיי נישט געגאנגען קיין שידוך. מען האט געמאכט אסאך סגולות, אבער די ישועה איז נישט אנגעקומען, אבער מען האט זיך פראבירט צו שטארקן.

וואס עס האט מיר געהאלטן שטארק אין די טעג, איז געווען א טייערע ווארט וואס איך האב געלערנט אין דעם הייליגן ספר אמרי נועם פון הרה"ק רבי מאיר'ל דזשיקוב'ער זי"ע.

דער אמרי נועם טייטשט אין פרשת חוקת, די ווערטער 'עלי באר ענו לה', מיט די מסורה אז נאר נאך איינמאל אין די תוה"ק שטייט דער ווארט עֱנוּ, און דאס איז ביי דער פסוק פון עֱנוּ להשם בתודה.

אויפן ארט ברענגט ער אראפ דער פסוק אין נביא 'טרם יקראו ואני אענה עוד הם מדברים ואני אשמע', און ער פרעגט אז אין די פסוק אליין איז דא א סתירה. עס שטייט אז איידער א איד וועט רופן וועט ער שוין ווערן געענטפערט, און גלייך נאך דעם שטייט אז ווען ער וועט רופן וועט הקב"ה ענטפערן.

אויבנאויף זעט אויס ווי דער פסוק איז זיך סותר. ווען ענטפערט הקב"ה, נאך איידער מען רופט, אדער נאר ווען מען רופט הקב"ה? נאר, געבט ער צו פארשטיין אז עס איז דא צוויי סארטן מצבים. ווען עס איז נישט דא קיין מקטרגים דעמאלטס איז דא די בחינה פון 'טרם יקראו', אבער ווען עס איז דא מקטרגים און זיי שטערן אז די תפילות זאלן ארויפגיין איז דא אן עצה אז מען קען פועל'ן א ישועה דורכן לויבן דעם באשעפער אויף די צרה וואס ער האט, ווי למשל אז ער דארף האבן א רפואה זאל ער זאגן 'בורא רפואות' און דורכדעם איז ער ממשיך א רפואה שלימה. מיט דעם דערמאנטן מהלך טייטשט ער אויס די צוויי פסוקים, אז ווען עס איז דא מקטריגים איז דער 'עלי באר ענו לה' דורך דער 'ענו להשם בתודה'.

די ווארט האט מיר באגלייט די אלע יארן. איך האב געדאנקט הקב"ה אויף די קינדער וואס ער האט מיר געגעבן, און אויף די מעלות וואס ער האט זיי געשאנקען, און געלויבט השי"ת אויף די גוטע שידוך וואס עס גייט זיי אונטערקומען, און ענדע איז ברוך השם אנגעקומען די ישועה און מיין ערשטער זון איז געווארן א חתן בשעה טובה ומוצלחת.

איך האב נאך געהאלטן אינמיטן דאנקען השי"ת אויף די אפענע חסדים, און מיר גרייטן זיך צו די חתונה, האב איך מיטאמאל צוגעלייגט קאפ און געזען א וואונדערליכער זאך, דער טאג פון די חתונה איז אויסגעפאלן אין דער יארצייט טאג פון דער הייליגער אמרי נועם און עס איז אויך געווען פרשת חוקת, די וואך ווען דער צדיק זאגט די ווארט אויף עלי באר ענו לה.

עס איז געווען א שטארקער רמז פאר מיר און פאר די ארומיגע משפחה.

## צוויי ישועות אויפאיינמאל

איך האב א נאנטער ידיד מיטן נאמען ר' יהושע, און ער האט מיר מיטגעטיילט מיט די פאלגענדע מעשה וואס ער האט מיטגעלעבט:

דער חבר דערציילט:

שוין יארן לאנג וואס איך האב זיך געמאכט א קביעות אז פון מיטוואך אן, ווען מען זאגט אין שול לכו נרננה, לאז איך איבער אין שטוב געלט פאר די בני בית אז זיי זאל קענען מיט די געלט איינקויפן אויף הוצאות שבת.

דער סדר האט פיין געארבעט אין די לעצטערע יארן, אבער יענער מיטוואך ווען איך האב אריינגעשטעקט מיינע הענט אין מיינע קעשענעס, זענען זיי געבליבן ליידיג.

איך האב געזוכט אין אנדערע ערטער, אבער איך האב גארנישט געטראפן, איך בין געבליבן אויסגעזעקלט אז די אויסדרוק פון "אֵין פְּרוּטָה לְפוֹרְטָה" האט זייער גוט געשטימט אויף מיר.

אויך די באנק קאונטע איז געווען ליידיג, אבער איך האב זיך נישט געוואלט מייאש זיין.

"לאמירווארטן אויף מארגן", האב איך געזאגט פאר מיין ווייב, אבער אויך דער מארגנדיגער טאג האט נישט געברענגט קיין בשורה מיט זיך.

"לאמיר ווארטן אויף מארגן", האב איך געבעטן פון מיין בני בית, האפנדיג אז דער מארגנדיגער טאג וועט זיין בעסער.

טיף אין הארצן האב איך געוואוסט אז איך האב נישט קיין שום אויסקוק אויף מארגן, אבער דער באשעפער האט זיך שוין זיינע וועגן, און איך בין געווען זיכער אז ער וועט מיר נישט פארלאזן, ווייל ער האט מיר נאך קיינמאל נישט פארלאזט. איך געדענק זיך נישט אז איך האב אמאל אזא זאך, געווענליך בין איך גאנץ מסודר, אבער ווי עס זעט זיך אויס, שיקט הקב"ה אויך נסיונות פאר מסודר'דיגע מענטשן ווי מיר.

דער פרייטאג איז געקומען צוגיין שנעלער ווי איך האב זיך געראכטן, און איך האב נאך אלץ נישט געהאט קיין פרוטה אין מיין טאש. עס האט מיר ווי געטון, אין אלע אידישע שטיבער האט מען שוין געלייגט קאכן די פיש, די טשאלענט, די קוגל קנעט זיך, אבער ביי מיר איז שא־שטיל, עס איז נישט דא מיט וואס צו צוגיין צום טיש.

דער מצב האט מיר מורא'דיג צוקלאפט. איך בין געווען מורא'דיג צובראכן און פארלוירן, און שפירנדיג ווי איך טראג עס נישט אריבער האב איך זיך איינגעשפארט אין א צימער און אנגעהויבן דאווענען צום בורא כל העולמים ער זאל מיר העלפן. איך האב גע'חזר'ט ביי מיר צענדליגע מאל די ווערטער פון 'אין עוד מלבדו', און אז דער באשעפער איז דער איינציגסטער וואס קען טון און טוישן זאכן אויף די וועלט, און אז ער האט געהייסן זיך גרייטן אויף שבת


אלפי יהודים כבר יושבים ומתענגים על המגזין החדש והמושקע
השגחה פרטית לכל המשפחה
הצטרפו גם אתם התקשרו עוד היום ל-
02-6246845
ניתן להצטרף גם בעמדת נדרים פלוס תחת השם: "מגזין השגחה פרטית"
בך בטחו סיפורים קצרים ועובדות מגדולי ישראל בנושא אמונה ובטחון
שטח פרטי סיפורים אישיים על השגחה פרטית
להתעמק מאמר עומק
בחזית האמונה סיפור אישי

קודש, וועט ער זיכער צושטעלן אלעס וואס מען דארף.

איך געדענק נישט ווילאנג איך בין געווען דארט אין צימער, ווילאנג איך האב געזאגט די פסוקים, ווען פלוצלונג האב איך געהערט קלאפעריי אויף מיין טיר, עס איז געווען מיין בני בית.

"די ישועה איז שוין דא", האט זי אויסגעשריגן.

איך בין נישט געווען איבערראשט. איך האב זיך גערעכנט אויף דעם. איך האב געעפנט די טיר און זי דערציילט מיר די גוטע נייעס.

"לאמיר אנהייבן מיט דעם אז מיין שוועסטער האט געהאט אן אייניקל".

מזל טוב!

זי האט מיר יעצט געקלינגען, און זי פרעגט מיר צי איך האב שוין געקאכט אין שטוב פאר שבת.

איך האב איר געענטפערט אז נישט.

"זייער גוט! איך גיי דיר שיקן אן אפגעקאכטער שבת".

זי דערציילט מיר אז איר זון וואס האט געבוירן א קינד וואוינט אויסערן שטאט און זיי האבן שוין אנגעגרייט א גאנצער שבת פאר זיך, און זי גייט אהין פאר שבת, און אזוי ווי זי האט שוין אפגעקאכט דעם גאנצן שבת בעט זי זיך ביי מיר אז איך זאל נעמען די עסן.

איך האב עס גלייך אנגענומען, אזוי אז מיר האבן שוין עסן אויף שבת, אבער דא ענדיגט זיך נאכנישט די מעשה. איך האב נאר געענדיגט רעדן מיט איר, און מען קלינגט אין טיר. איך עפן אויף און כ'טרעף דער דעליווערי מענטש פון די לאקאלע גראסערי און ער דעליווערט א פולער ארדער.

וואס איז דאס? פארשטיי איך נישט.

דער דעליווערי מענטש דערציילט מיר, אז זיי האבן לעצטנס געמאכט א גורל צווישן אלע קביעות'דיגע קליענטן אז ווער עס קויפט איין ביי זיי העכער 500 שקל פאר עטליכע וואכן אין איין ציה, גייט אריין אין א גורל צו געווינען אן אומזיסטע ארדער.

"די וואך האט איר געווינען"!

עס איז געלעגן דארט אלע פראדוקטן וואס מיר האבן דארט איינגעקויפט די לעצטע מאל.

מיר זענען געווען שפראכלאז, מיר האבן געזען ווי הקב"ה העלפט אונז אויף טריט און שריט, און מיר זענען נאר ארויס מיט ריווח.

מיר האבן געפראוועט א געהויבענע שבת, דאנקנדיג הקב"ה פאר זיין גרויסע חסד וואס ער האט געטון מיט אונז.

## 20 יאר שפעטער

עס דערציילט ר' מרדכי קיי שיחי' פון לעיקוואד:

איך בין געבוירן געווארן אין דרום אפריקע. פאר יארן לאנג האט מיין משפחה געוואוינט דארט און מיר האבן זיך פיין איינגעלעבט אין איר. זייענדיג אפגעזונדערט פון די איבריגע חלק אידישע וועלט, פלעגן מיר פון צייט צו צייט אונטערנעמען רייזעס קיין אמעריקע, וואו מיר האבן זיך געטראפן מיט נאך אידן.

עס איז געווען אין די יאר תשכ"ז, ווען מיין משפחה האט זיך געגרייט אויף א רייזע קיין אמעריקע. מיר האבן איינגעפאקט אלע אונזערע זאכן און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג. נאך אלע הכנות זענען מיר געזעצן אויף די פליגער און גערייזט קיין אמעריקע.

אונטערוועגנס האט די פליגער געהאט א שוועריגקייט, און מען איז געווען געצווינגען צו לאנדן אינמיטן וועג. דער ארט וואו מען האט געלאנדעט איז געווען אין אן אפגעזונדערטער אינזל און די גאנצע משפחה האט גענומען אירע זאכן און זיך אריינגעזעצט אין די ארטיגע עירפארט.

מיר זענען געווען זיכער אז עס איז א צייטווייליגע זאך. עס וועט אריבערגיין א שעה אדער צוויי, און די פירמע וועט אריבערברענגען אן אנדערע פליגער און מען וועט ווייטער פארזעצן אין אונזער וועג, אבער עס איז אריבער א שעה און נאך א שעה און זאכן האבן זיך נישט גערוקט.

אבער ערגער פון אלעס איז געווען די באנעמונג פון די שטאב. זיי האבן אינגארירט די רייזענדע, זיי האבן זיך נישט צו טון געמאכט אז עס איז דא א משפחה מיט קליינע קינדער.

די איבערלעבעניש איז געווען זייער שווער. עס האט זיך געשלעפט פאר פיר און צוואנציג שעה, נאר נאכןווארטן א גאנצער מעת לעת איז אנגעקומען א צווייטער פליגער, און מיר זענען ארויף אויף איר און זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג.

מיר זענען אנגעקומען צו אונזער ציל, אבער מיר זענען געווען דערביטערט און אנטוישט, און מיין מאמע תחי' האט זיך דעמאלטס אנגערופן אז דאס איז עס! זי וועט מער אין לעבן נישט פארן מיט די לופטליניע. א פירמע וואס קען טון אזוינס און אזוי פארנאכלעסיגן אירע רייזענדע, איז אן אומפאראנטווארטליכע פירמע און זי וויל מער נישט נוצן אירע סערוויס.

די יארן זענען געלאפן. מיין מאמע האט געהאלטןווארט. פון דאן איז זי מערערע מאל געפארן אויפן וועג, אבער ביי קיין איינע פון די רייזעס האט זי נישט גענוצט די פירמע.

צוואנציג יאר איז אריבער פון די געשעעניש און מיין מאמע האט זיך נאכאמאל געגרייט אויף א רייזע. מען האט געוואלט באשטעלן א טיקעט און מען האט זיך פארבינדן מיט דער טרעוול אגענט, ער האט פארגעשלאגן מערערע פארשלאגן, און צווישן זיי איז אויך געווען די דערמאנטע פירמע.

די פירמע איז געווען באדייטפול ביליגער ווי די אנדערע פירמעס, אבער מיין מאמע האט נישט געוואלט הערן פון איר.

"מיר וועלן צאלן דריי מאל אזויפיל, אבער מיט די פירמע פארט מען נישט".

מען האט געצאלט מער געלט, און מען איז נישט געפארן מיט די פירמע.

שפעטער האט זיך ארויסגעשטעלט א מורא'דיגע זאך. די יעניגע פליגער איז ביים רייזן פארכאפט געווארן אין א שטורעם און די פליגער האט געקראכט, און אלע אירע רייזענדע זענען פארשווינדן געווארן.

מיר האבן דעמאלטס געהערט אז נאך אן אידישע משפחה איז געווען אונטערוועגנס צו פארן מיט יענעם פליגער, אבער זיי האבן געהאט שווערע טרעפיק אויפן וועג און זיי האבן געשפעטיגט די פליגער, און זיי זענען ניצול געווארן ממות לחיים.

מיר האבן דעמאלטס איינגעזען די וואונדערליכע וועגן פון הקב"ה, וויאזוי צוואנציג יאר פריער האבן מיר מיטגעמאכט א געשעעניש. בשעתו האבן מיר עס באוויינט, אבער אין איר איז געלעגן א הצלה וואס וועט אונז צוניץ קומען צוואנציג יאר שפעטער.

נפלאים דרכי השם!

בין ארויס אין די גאס גייענדיג אויפן וועג צו די מקוה און נאכדעם צו שחרית, ווען פלוצלונג זע איך ווי קעגן מיר קומט צוגיין א קרייענדע הינדל און שרייט אויס:

קו. קו. ריקו.

איך האב זיך געריבן די אויגן צי איך זעה גוט, איך בין געווארן באגייסטערט און אויפן ארט האב איך געמאכט א ברכה, ברוך אתה השם אלקינו מלך העולם הנותן לשכוי בינה.

איך האב געשפירט ווי מען איז מזמין פון הימל, איך זאל קענען מקיים זיין די הלכה לויט דער דעת פון דעם רמב"ם.

דערביי האט ר' יוסף אויסגעפירט אז מיטלעבנדיג די מעשה האט ער געטראכט צו זיך אז די מעשה האט אין זיך א שטארקער לימוד. צומאל זיצט א מענטש און ער צווייפלט וועלכער וועג איז ריכטיג אנצונעמען, ער וויל מאכן פארשריט אין עבודת השם, אבער עס גייט אים נישט, אבער אויב דער מענטש וועט אמת'דיג וועלן מאכן פארשריט וועט אים השי"ת אונטערשיקן א הינדל.

ביז אהער גייט די טעלעפאנישע מעסעדזש, וואס ר' יוסף ז"ל וואס ער האט איבערגעלאזט יענער כ"ז אלול תש"פ.

אבער די מעשה האט א המשך און ר' טובי' שילדערט ווייטער דער המשך:

שטייענדיג פאר דער יערליכער סיום הרמב"ם אין שיננא האבן מיר דעבאטירט אינאיינעם מיט די אראנדזשירער הרב מענדל דיסקין און ר' יעקב געלבשטיין איבער וואס מען קען אהערשטעלן פארן ציבור ביי דעם סיום, ווען עס איז ארויפגעקומען אויפן פרק די געשיכטע מיט ר' יוסף.

איבערדערציילנדיג די מעשה, האבן אלע פה אחד איינגעשטימט אז די מעשה איז א גוטע מעשה, און עס איז פאסיג גענוצט צו ווערן ביי דער מעמד.

קוקנדיג אזוי ווען דער מעמד פאלט אויס, האבן מיר אויפגעפאסט אז דער מעמד איז באשטימט געווארן אויף י"ז תמוז, און לויט דער רמב"ם קומט אויס אז די הלכה לערנט מען יענעם טאג.

מיר זענען אלע געווען איבערראשט פון די זעלטענע השגחה פרטית וואס מיר האבן געזען, אז געגוי אין דעם טאג וואס דער סיום גייט זיין לערנט מען די הלכה, און מען קען דערציילן איבער די ספעציעלע הארת פנים וואס ר' יוסף האט געהאט לערנענדיג די הלכה, און די מעסעדזש וואס ער האט געהאט איבערצוגעבן פארן ציבור.

מען האט געלערנט די הלכה און דערציילט די מעשה, און גלייך דערויף האבן אלע געלערנט משניות לעילוי נשמתו פון ר' יוסף, און זיין טאטע הרב ר' ברוך צבי גרינבוים שליט"א האט געזאגט קדיש לעילוי נשמתו.

נישט אומזיסט איז די מעשה געווען מיט די הינדל. ווען מען קוקט אריין אין פרק שירה, זעט מען אז די הינדל זאגט צו די צדיקים, עמדו צדיקים ועסקו בתורה, כדי שיהיה שכרכם כפול לעולם הבא.



# צוהערער פרעגן

שאלות און תשובות אין די טעמעס פון אמונה און ביטחון

איך בין א גבאי אין א שול. מיט א שטיק צייט צוריק האט זיך פארגרעסערט די צאל מתפללים און מיר האבן פארמערט די צאל מנינים אין שול. עס איז דא מער מענטשן אבער עס איז נאך אלץ נישט דא גענוג און די נייע מנינים זענען שאקלדיג. די זאך שלעפט מיר אריין אין שוועריגקייטן, עס איז גורם אז איך זאל דארפן משלים זיין מנינים אדער ארומרופן אידן צי זיי ווילן קומען משלים זיין די מנין. איך וואלט געוואלט וויסן צי דא קומט אריין בטחון, דהיינו אז מען קען זאגן אז איך האב געטון מיינס אדער פאדערט זיך פון מיר צו בלייבן א גאנצער צייט דארט און באגלייטן, ווייל וויבאלד איך בין א מתחיל במצוה מוז איך זען אז עס זאל זיך ענדיגן די מצוה אן קיין שטרויכלונגען?

שאלה נומער 67 — ה' ש', בית שמש

**אויפמערקזאמקייט: די אלע דערמאנטע תשובות וואס ווערן דא אראפגעברענגט זענען נישט קיין תשובות אויף הלכה למעשה. עס איז נאר א שמועס צווישן חברים דורך די חשובע לייענער. אויף די הלכה למעשה פון יעדער איינער זאל זיך יעדער מקיים דער 'עשה לך רב' און אנפרעגן ביי זיין פוסק אין די ענינים.**

## שטארק זיך און גיי אן מיט דיין עבודת הק'!

**הרב ישי מזלומיאן פון חולון:** אשריך פאר דיר חשוב'ער גבאי. דו ביסט זוכה צו זיין א מזכה את הרבים! בנוגע צו דיין שאלה איבער משלים זיין מנינים, לאמיר דיר זאגן אז אזוי לאנג ווי עס איז דיין תפקיד אנצוהאלטן די מינינים אין שול קענסטו זיך נישט ארויסדרייען מיט די אויסרייד פון בטחון, וויבאלד דאס איז דיין תפקיד, אז דו וועסט נוצן בטחון איז עס מער א פוילקייט ווי אויסצופירן דיין תפקיד.

**הרב ישראל וויינגארטן פון מודיעין עילית:** מען דערציילט איבער ר' יצחק גערשטנקארן פון די מייסדי העיר אין בני ברק, אז ער האט אסאך געטון פאר די שטאט. אמאל האט ער געשפירט אז קען שוין נישט דערהייבן די ארבעט און ער האט זיך געווענדן צו די פיאסעצנער רבי זצוק"ל און אים געפרעגט צי ער קען אויפגעבן? האט אים דער רבי געזאגט, אז נישט נאר קען ער נישט אויפגעבן, נאר ער טאר נישט אויפגעבן! ווייל דאס איז זיין שליחות, און יא! ער איז אנדערש פון אנדערע, ווייל אז ער האט געהאט די כוחות אריינצוגיין אין דעם, איז עס א סימן אז עס איז זיין שליחות און פון הימל וועט מען אים העלפן אז ער זאל קענען אויספירן זיין שליחות.

**הרב שאול ראטמאן פון מודיעין עילית:** מיר ווייסן אז מען איז מגלגל זכות על ידי זכאי. אז דו ביסט אנגעקומען צו דעם תפקיד, איז א סימן אז עס איז פאסיג פאר דיר און דו דארפסט עס אויספירן און טון עבודת השם בשלימות.

**הרב אהרן בייפוס פון רכסים, הרב משה נתן וויזער פון מודיעין עילית, הרב שמעון חביב פון קרית מלאכי:** עס איז מקובל ביי אונז פון אונזערע רבי"ס אז די מידה פון בטחון איז נוגע פאר זיך אליין, אבער וואס עס איז נוגע צו אנדערע איז נישט שייך דערביי די מידה פון בטחון, און דאס איז בפרט ווען מען רעדט פון צרכי ציבור.

**הרב חיים לייב מאטלין פון מודיעין עילית:** מיר דארפן וויסן אז א שול איז א בית השם, און דער גבאי איז דער משרת פון דער בית השם. אז מען קוקט אזוי ווערט דער פארמעסט לייכטער.

**אסאך פון די משיבים האבן אנגעוויזן דערויף: דער משנה ברורה זאגט** (או"ח סנ"ה ס"ק עג): ווי גרויס איז די מצוה פון א איד וואס וואוינט אין א קליינער ישוב און ער זארגט זיך אייביג צוזאמענצונעמען מנין, אז די תמיד זאל נישט בטל ווערן, ווייל חז"ל זאגן אז די עשרה ראשונים נעמען שכר קעגן אלעמען, איז זיכער אז דער וואס פלאגט זיך אז די מנין זאל עקזיסטירן איז זיכער אז ער האט א גרויסע מצוה, און חז"ל זאגן שוין כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו.

## די ריכטיגע דעפינירונג פון די ארבעט

**הרב נח גד וויינטרויב פון קרית גת, הרב אלעד שליט"א פון מודיעין עילית, הרב מנחם כהן פון ירושלים:** לדעתי קומט דא נישט אריין די נושא פון אמונה אדער בטחון. עס איז מער שייך צו וויסן וואס געהער צו דיין ארבעט און וואס נישט. אויב איז דאס א טייל פון דיין פליכט וואס מען האט באשטימט פאר דיר און דו טוסט עס נישט, ביסטו מועל אין דיין תפקיד, אבער אויב איז עס נישט א טייל פון דיין ארבעט איז עס אין דיינע הענט, און מיר ווייסן שוין דער כלל פון כל העוסקים בצרכי ציבור באמונה הקב"ה ישלם שכרם.

**הרב יוסף דושינסקי פון חיפה, הרב יאיר נפתלי קליין פון בני ברק:** ווען א זאך איז העכער פון דיינע כוחות איז עס נישט קיין התחייבות פאר דיר און דו ביסט פטור פון עס טון.

## אן קיין פרעשור

**הרב דוד לייפער פון ירושלים, הרב יהודה געווירצמאן פון בית שמש:** מיר טרעפן אין חז"ל ווען זיי רעדן איבער מצוות, צוויי קעגנזייטיגע לשונות. אין איין פלאץ שטייט 'המתחיל במצוה אומרים לו גמור', און דאגעגן שטייט 'לא עליך המלאכה לגמור'. עס קען זיין אז איין מאמר קומט משלים זיין די אנדערע. א מענטש האט א פליכט אנצוהייבן. ווען ער הייבט אן קען ער טראכטן צו זיך אז איך קען דאך נישט ענדיגן, און וועגן דעם זאגט מען אים 'לא עליך המלאכה לגמור', דו הייב אן און די זכות וועט זיין דיינע.

**הרב משה שמואל ישראלי פון ביתר עילית:** די מציאות ווייזט אז די שוועריגקייט איז נאר ביים אנהייב, מיט די צייט זעצן זיך זאכן פון זיך אליין. עס איז ווערד זיך אנצושטרענגען אין די ערשטע תקופה, ווייל נאך דעם פארן זאכן פון זיך אליין.

## די שאלה פאר גליון 120

איך וויל פרעגן צי איז עס א געווינטשענער זאך אז א מענטש זאל שטרעבן צו עשירות און טון פעולות דערצו, אדער מעג א מענטש מאכן השתדלות נאר לויט זיין געברויך.

י.ג. טבריה

**איבערצוגעבן שאלות און ענטפערס:**

איבערצולאזן מעסעדזשעס אויף דער האטליין נומער 02-30-11-300 נאכן אויסוועלן א שפראך דרוקט 3 < 5 [דער רעקארדינג באגרעניצט צו 3 מינוט] | אין אימעיל T023011300@gmail.com | אין פקס 02-6599-189

**ענטפערס וועלן אנגענומען ווערן ביז זונטאג פרשת ואתחנן. און וועלן ווערן אנגענומען נאר מיט א גאנצער נאמען און די שטאט - דער נאמען פון דער פרעגער און שטאט וועט געשריבן ווערן אין ראשי תיבות.**

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצוגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

איר ווילט א סגולה? א ישועה? דא האט איר די בעסטע און די שטערקסטע סגולה אויף די וועלט.

טראכט גוט - וועט אייך זיין גוט!

הייבט אן קוקן אויף יעדע זאך גוט - וועט איר זען ישועות!

ווען מען קוקט אריין אין פרשת בראשית און מען לערנט איבער בריאת העולם, זעט מען אז נאך יעדע זאך וואס הקב"ה האט גע־מאכט אויף די וועלט האט ער געזאגט 'כי טוב'.

א סך הכל פון 8 מאל האט הקב"ה געזאגט אויף די וועלט כי טוב, ווייל די וועלט וואסהקב"ה האט באשאפן איז גוט, מען דארף נאר זיין געווארנט עס נישט צו פארדארבן מיט ביטערע און זויערע מחשבות.

מיין רבי, רבי עוזר שווארץ זצ"ל, פלעגט צו זאגן אז אין עבודת השם דארף מען ארבעטן אויף דריי זאכן. מען דארף ארבעטן אויף עין טובה - צו זען די גוטס אין יעדע זאך. מען דארף ארבעטן אויף די מידה פון בטחון אנצוקומען צו זיין אן אמת'ער בוטח בהשם. און די דריטע זאך איז שבירת המידות - צו צוברעכן די נאטור פון א מענטש - וואס האט ליב צו זען יעדע זאך שווארץ.

א מענטש פון נאטור אויס האט ליב צו קוקן אויף אלעס שווארץ, צו זען מיט א נעגאטיווע בליק, אסאך פון די מענטשן האבן אפילו הנאה ווען זיי איבערצייגן זיך אליין אין דער ארום פון זיי אז אלעס איז שווארץ, אז עס גייט זיי נישט גוט, אז זיי זענען א נעבעך.

מען דארף אויסרייסן פון זיך די מידה, ווייל עס איז א שלעכטע מידה - אנשטאט דעם דארף מען אנהייבן זען זאכן מיט א פא־זיטיווער בליק.

אין יעדער דור קומט דער יצר הרע צוגיין מיט פרישע שטיק, זיין מטרה איז אייביג די זעלבע, ער וויל לייגן דער מענטש אין די ערד, אבער אין יעדן דור האט ער אנדערע שטיקלעך.

אין דעם דור האט זיך דער יצר הרע פארלייגט אז מיר זאלן לעבן א נעגאטיווער לעבן! ער רעדט איבער דער מענטש וואו ער קען,

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' יהודה מאנדעל שליט"א פון לעיקוואד מיט א גוטער בליק אויף די וועלט.

אז עס איז אים נישט גוט! אז די לעבן אין וואס ער לעבט איז אים ביטער, אז ער האט נישט קיין האפענונג, אז וואס ער זעט יעצט גייט נאר ווערן ערגער.

אז דער מענטש לעבט אזוי, ווערט ער אויפגעגעסן פון אינעווייניג, ער קען נישט לעבן אזא סארט לעבן.

א איד האט אין זיך מורא'דיגע כוחות. ער קען וואקסן א גדול בי־שראל און באלייכטן די וועלט, אבער ווייל ער זעט אלעס שווארץ - ווערט ער אויס מענטש, ער פארלירט זיך און זיין וועלט.

מען דארף וויסן אז דער וואס רעדט אזוי איז דער יצר הרע - ער איז דא צו צוברעכן דעם מענטש מבית ומבחוץ, און מען דארף ארויסגיין קעגן אים מיט א מלחמת חרמה.

נישט לאנג צוריק איז געקומען צוגיין צו מיר א מענטש און זיך באקלאגט ביי מיר אויף די שוועריגקייטן וואס ער גייט אריבער. דער איד האט זיך אויסגעגאסן זיין ביטער הארץ זאגנדיג אז ער ליידט פון צער גידול בנים, ער האט נישט קיין פרנסה.

"איך האב איין עצה פאר דיר - הייב אן צו קוקן אויף אלעס מיט א פאזיטיווער בליק", האב איך אים געזאגט.

"און דו זאלסט אויך מאכן אין שטוב ביטול הדינים...".

ער קוקט מיר אן: וואס איז דאס ביטול הדינים? איך האב אים געהייסן קויפן א פעקל טשאקאלאד און עס אויסטיילן פאר די קינ־דער און זאגן אז דאס איז מבטל די דינים, אז פון היינט און ווייטער גייט זיין גוט.

ער האט מיר געפאלגט און ער האט געזען גרויסע ישועות.

נאך א מעשה מיט א איד וואס האט יארן לאנג געוואלט מאכן א דרייוון לייסענס, אבער עס איז אים נישט געגאנגען. ער האט זיך באקלאגט ביי מיר און איך האב אים גע'עצה'ט אז ער זאל אנהייבן קוקן אויף זאכן פאזיטיוו. ער האט אזוי געטון און ביז א קורצער צייט האט ער געהאט די לייסענס אין זיין האנט.

ווייל אז מען קוקט גוט - ווערט גוט!

**די שיעורים פון הרה"צ ר' יהודה מנדל שליט"א ווער ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש, אין נומער 2 < 2** [נאכן אויסוועלן די שפראך]

# א פרטיות'דיגע השפעה

**מצד די באקאנטער**

עס איז דא אסאך שיינע זאכן אויף די האטליניע אבער איך האב א באזונדערע הנאה פון די שיינע ניגון פון די זיבן תְּנָאִים וואס איר לייגט ארויף אויף די האטליניע. עס געבט מיר אסאך כח, עס גייט אריין אין מיינע ביינער. אנשטאט איך זאל טראכטן פון נארישקייטן הער איך דעם ניגון און עס פולט אן מיין הארץ מיט חיזוק און עידוד.

**מצד די געבער**

איך וויל אייך מבשר זיין א בשורה טובה! דער פארלאפענער חודש אלול תשפ"ב האב איך זיך אונטערגענומען אויסצושפרייטן גליונות אין איין געגענט לזכות אז מיין טאכטער אין עלטער פון 30 יאר זאל ווערן א כלה. ברוך השם אז זי איז געווארן א כלה, און יעצט וויל איך נעמען נאך א יאר, להודות ולהלל פאר די נס.


נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

**צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים**

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742**

| העברה לבנק | משלוח בדואר | בעמדות נדרים |
| --- | --- | --- |
| לאומי סניף 902 | לת.ד. 5475 | פלוס על שם |
| חשבון 57390056 | ירושלים | 'שער הבטחון' |


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט פארבינדט זיך מיט אונז אויפ'ן נומער:

**9722-6-313-742**

**ווילט איר אנטייל נעמען אויסצושפרייטן די גליון אין אייער געגנט קלינגט אריין אין אפיס 02-5866-075**

מענטשליכער ענטפער צווישן די שעות 12:00 און 14:00

אויב איז נישטא קיין ענטפער לאזט איבער א מעסעדזש אין אלע שעות פון טאג און מיר וועלן אייך צוריקרופן בס"ד

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל, שרייבט צו: B023011300@GMAIL.COM

דער פארשרייבונג אין דעם אימעיל איז פאר דער גליון אויף אידיש, העברעאיש און ענגליש

דער ציל פון דעם גליון איז מקרב צו זיין אידן לעבודת השם. חלילה אז ער זאל שטערן א איד דאווענען אדער אויסהערן קריאת התורה